# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

פרשת חוקת תשפ"ד שנה י | גליון מס' 541



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## א רמז אז די קריאה פון פרשת פרה איז א דאורייתא

**"וַיְדַבֵּר ה' אֶל-מֹשֶׁה וְאֶל-אַהֲרֹן לֵאמֹר: זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה"** (יט א-ב)

אין מסכת מגילה רעכענט די גמרא אויס די קריאה פון די ד' פרשיות (כט א). עס שטייט דארט אז די דריטע שבת זאל מען לייגען די פרשה פון די פרה אדומה. אויפ'ן ארט איז דא א מחלוקת הפוסקים אין די ראשונים צי די קריאה פון פרשת פרה איז מן התורה אדער מדרבנן? (ראה שו"ע או"ח תרפה ז, ובנושאי כלים שם).

לכאורה איז שווער? לויט די דיעה וואס האלט אז די פרשה פון פרה איז א דאורייתא - וואו ווערט אזא זאך דערמאנט אין די תורה?

די קשיא ווערט אראפגעברענגט אין עטליכע ערטער און מיר ווען דא אראפברענגען עטליכע מהלכים אין דעם:

דער בעל **'שפתי כהן'** רבי מדרכי הכהן מצפת ווייזט אן אז א גוטער מקור אז די קריאה איז א דאורייתא קען מען האבן פון די פסוק וואו עס ווערט דערמאנטע די חובה פון פרה אדומה. אז מען מדייק זיין אין די ווערטער וועט מען טרעפן אז די תורה הק' האט געדאפלט דערווארט "לאמר". איינמאל שטייט "לאמר" ביים אהייב פון די פרשה - "וַיְדַבֵּר ה' אֶל-מֹשֶׁה וְאֶל-אַהֲרֹן **לֵאמֹר**"; די צווייטע מאל שטייט עס ביי די פסוק "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' **לֵאמֹר**".

לכאורה אויב די תוה"ק שרייבט דא "לאמר" ווי איבעראל, מיט'ן כוונה אז מען זאל איבערגעבן די ציווי פאר'ן כלל ישראל, וואלט געווען גענוג אז מען שרייבט איינמאל "לאמר". אז די תוה"ק חזר'ט יא איבער צוויי מאל "לאמר" איז א סימן אז די תוה"ק וויל דא לאזן הערן אז מען זאל נאכאמאל איבערזאגן די מצוה און ווען וועט דאס זיין? נאכ'ן חורבן הבית.

א צווייטער מהלך זאגט דער **רבי צדוק הכהן מלובלין**: ער ברענגט אראפ די באקאנטע מאמר חז"ל אויף די ווערטער פון פסוק (ויקרא ו יח): "זאת **תורת** החטאת" אז חז"ל האבן גע'דרשנ'ט אויף איר (מנחות קי א) ש"כל העוסק בתורת חטאת כאילו הקריב חטאת".

דאס קען מען אויך זאגן דא און א רמז אז מען זאגט עס דא קען מען האבן אין דער וועג ווי אזוי דער פסוק דרוקט זיך דא אויס. די פרשה פון פרה אדומה הייבט זיך אן מיט די ווערטער "זאת חקת **התורה**". עס וואלט ווען געווען פאסיגער אז מען זאל אנהייבן דער פסוק מיט די ווערטער "זאת חקת הפרה" ווי מען הייבט אן אין אנדערע ערטער ווי ביי די קרבן פסח שטייט (שמות יב מג): "זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח". נאר עס קען זיין אז דער פסוק איז דא מרמז אז די 'חוקת התורה' האט שייכות מיט די 'תורת העולה' אז מען זאל לייגען די פרשה און אזוי ארום וועט מען ממשיך זיין טהרה אויפ'ן מענטש און אז דא איז א רמז אז מען זאל כאטש איינמאל א יאר לייגען די פרשה פון פרה.

אן אנדערע מהלך אויף דעם האט **דער מלבי"ם**: ער זאגט אז איינס פון די זעקס זכירות וואס א איד דארף געדענקען איז די מעשה העגל ווי דער פסוק זאגט (דברים ט ז): "זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח אֵת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ אֶת ה' אֱלֹהֶיךָ בַּמִּדְבָּר".

לויט דעם וואלט מען יעדע יאר געדארפט לייגען די מעשה העגל אזוי ווי מען לייגט די פרשה פון זכור אבער מען טוט עס נישט, ווייל מען וויל נישט ערוועקן די גנות פון כלל ישראל (מג"א ס ב).

מען לייגט טאקע נישט די פרשה פון די עגל אבער די זכירה איז מען יוצא דורך וואס מען לייגט די מצוה וואס איז מכפר אויף די חטא העגל און דאס איז די מצוה פון פרה האדומה ווי רש"י ברענגט אראפ בשם רבי משה הדרשן (זעה אויך אין 'שכחת העשין' פון דער רמב"ן מצוה ז' אז ער איז מסתפק צי די מצות הזכירה פון די מעשה העגל איז נאר געווען דעמאלטס אדער עס איז נוהג אויף די שפעטערדיגע דורות).

דער **'ערוך השלחן'** האט נאך א ראיה: ער צייכענט אן אז צוויי מאל שרייבט די תורה ביי די פרשה פון פרה אדומה די ווערטער: "לְחֻקַּת עוֹלָם" (בפס' י ובפס' כא). פון די ערשטע האבן די חכמים (ספרי פיסקא קכד) ארויסגעלערנט אז אויך נאך די חורבן האט מען זיך געקענט מטהר זיין מיט די אפר הפרה (ראה נדה ו ב) און פון די צווייטע לערנט מען ארויס אז אויך ווען עס איז נישט דא קיין אפר פרה איז אבער דא די מצוה פון קריאה און דאס איז געבליבן "לְחֻקַּת עוֹלָם".

'שפתי כהן'; 'פרי צדיק פרשת פרה אות ד; 'ארצות החיים' ארץ יהודה א ד; 'ערוך השולחן' או"ח תרפה ז

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## רבותי! מ'גייט מאכן א ברכה!

עס קומט אונז אויס אסאך ארומצורעדן איבער די גרויסקייט פון ענטפערן: 'אמן' אזוי אז די וואס לייגען אונזער גליון ווייסן שוין איבער איר גרויסקייט און ווייסן עס צו שעצן.

דער נאכזאגן אמן איז אויך א בפירושע הלכה אין שלחן ערוך סימן רטו [ב] ): "השומע אחד מישראל מברך אחת מכל הברכות... חייב לענות אחריו אמן".

אבער מיט דעם אלעם טרעפט זיך אמאל אז א איד פארגעסט זיך און ער ענטפערט נישט קיין אמן. אזא זאך וועט זיך טרעפן אפטער ווען א איד מאכט א ברכת הנהנין. ווען א איד שטייט און דאווענט און הערט אויס די ברכות פון דעם חזן ווייסט ער אז עס קומט אן אמן, אבער ווען א איד דאווענט נישט, נאר ער איז באשעפטיגט אין זיינע זאכן און מיטאמאל קומט אים אונטער אן אמן קען זיך מאכן אז ער זאל דערלייגן דעם אמן.

די זאך איז אבער אז דער פאקט אז מיר זענען פארטראכט פטר'ט אונז נישט פון ענטפערן אמן. יעדער פון אונז האט שוין געהערט די שרעקעדיגע עונש וואס עס איז דא פאר'ן נישט נאכזאגן אמן ווי עס ווערט געברענגט אין ספר "דרך משה" (ליום יא) אז מען האט איינעם מנדה געווען ווייל ער האט נישט נאכגעזאגט אמן נאך די ברכה פון א קליין קינד. אויך ביי יענער פאל איז עס געווען פון פארטראכטקייט, אבער עס פטר'ט נישט און די עונש אויף איר איז געווען זייער ביטער.

טראכטנדיג פון דעם גרויסן מכשול וואס עס קען ארויסקומען איז מיר איינגעפאלן א געדאנק ווי אזוי מען קען עס גרינגערהייט מונע זיין. די עצה איז אז דער וואס גרייט זיך צו מאכן די ברכה זאל איינמעלדן פאר די וואס שטיין נעבן אים אז ער גייט יעצט מאכן א ברכה.

איך, פערזענליך, האב שוין אויספרובירט די עצה מערערע מאל. עס איז אומגלויבליך ווי שטארק עס העלפט און ווי גרויס איז די זיכוי הרבים ווען מען פירט זיך אזוי. דער אמת איז אז די עצה איז נישט קיין נייע עצה, מען זעט ביי קדיש ווי חז"ל האבן איינגעפירט אז מען זאל זאגן ביי איר 'ואמרו אמן' און אויך דאס איז די זעלבע געדאנק, עס איז א ווענדונג צו דעם ציבור אז מען זאל וואכזיניג, ווייל עס גייט קומען אן אמן.

בדרך רמז קען מען זאגן דער מאמר חז"ל (ברכות ו ב): "כל אדם שיש בו יראת שמיים דבריו נשמעים" אז עס גייט ארויף אויף דעם, אז יעדער ירא ה' מאכט זיכער אז זיינע ברכות ווערן געהערט און אז מען ענטפערט נאך זיי אמן.

אויך מיר ווען מקפיד זיין און נאכזאגן אמן אויף די ברכות, אז די ארומיגע זאלן עס הערן און די זכות וועט אונז ביישטיין אז מיר זאלן זען ברכה והצלחה אין אלע אונזערע מעשים.

מיט א קריאה פון 'ואמרו אמן'
**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — א 'בעל העגלה' שליחות —

אין א שטילער און א באשיידענער הייזקע אין די שטאט בישענקעוויץ אין די וויטעפסקער אומגעגענט האט געוואוינט רבי יוסף.

א גרויסער תלמיד חכם איז רבי יוסף געווען, פון צופרי ביז ביינאכט איז ער געזעסן און געלערנט תורה בהתמדה רבה.

פון די גרויסע אנהענגער פון דער בעל התניא איז רבי יוסף געווען. יעדער שטיק צייט ווען ער האט געהאט א מעגליכקייט צו באזוכן ביים רבי'ן האט ער עס געטון. אין די צייט ווען דער רבי האט געוואוינט אין ליזאנע איז ער געווען דבוק אין אים. אויך שפעטער ווען דער בעל התניא איז אריבער וואוינען קיין ליאדי איז ער געבליבן מקושר צו אים, מיט א שטארקער קשר, ווי א חסיד צו זיין רבי.

אלע זיינע יארן איז רבי יוסף געזעסן און געלערנט על התורה ועל העבודה אומגעשטערט. אויך ווען זיין פרוי איז יונגערהייט נפטר געווארן און וואס זי זאל איבערלאזן נאך זיך דורות האט ער נישט אויפגעגעבן אויף זיין סדר היום, ווי אין די פריערדיגע יארן האט ער ממשיך געווען צו זיצן על התורה ועל העבודה.

זייענדיג צובראכן פון די פטירה פון זיין פרוי האט ער זיך אריבערגעכאפט קיין ליאדי און איז אריין צום צדיק אין צימער און זיך אויסגעגאסן פאר אים זיין הארץ. דער רבי האט מיטגעשפירט זיין צער און אים געפרעגט צי ער איז בקי אין ששה סדרי משנה, צי ער קען



די אידישע בית הקברות אין די שטאט בישענקעוויץ אין בעלעראוס

עס אזוי גוט, אז ער קען עס חזר'ן אויסעווייניג.

ווען דער ענטפער איז געווען אז יא, אז ער קען, האט אים דער רבי געזאגט אז כידוע איז משנה די זעלבע אותיות ווי נשמה. ער זאל ווייטער חזר'ן משניות, אז ער זאל נאכאמאל חתונה האבן און אז ער וועט זוכה זיין צו זען דורות פון די צווייטע פרוי.

א צופרידענער פון די ברכה און פון די עצה האט זיך רבי יוסף געגרייט ארויסצוגיין פון צימער, אבער א רגע איידער ער איז ארויס פון צימער, האט דער רבי זיך געוואנדן צו אים און געזאגט די פאלגענדע ווערטער:

"פאר דיין נשמה איז בעסער אז דו זאלסט זיין א בעל עגלה ווי א רב...".

מער האט דער צדיק נישט צוגעלייגט, די ווערטער זענען געבליבן אומפארשטענדליך, אבער ווי א חסיד האט ער עס אפגעהיטן.

א שטיק צייט איז פארביי. עטליכע שדכנים האבן אנגעקלאפט אויף זיין טיר און אים פארגעשלאגן א שידוך. ער האט גלייך מסכים געווען צו איר, מען האט חתונה געהאט און צום יאר איז געבוירן געווארן א קינד.

ביני לביני איז דער בעל התניא נסתלק געווארן פון די וועלט ווען איין טאג האט מען אנגעקלאפט אויף זיין טיר. ביים שוועל זענען געשטאנען די קהילה לייט פון די שכינות'דיגע שטאט ליפעלי, אין זייערע הענט האבן זיי געהאלטן א כתב רבנות פון זייער שטאט.

"אונזער שטאט נויטיגט זיך וויכטיג אין א רב, מיר גלייבן אז איר קענט זיין א פאסיגער רב פאר אונז".

רבי יוסף האט באטראכט די הצעה אבער אין יענע מינוט האט ער זיך דערמאנט פון די ווערטער פון זיין הייליגער רבי.

"פאר דיין נשמה וועגן איז בעסער אז דו זאלסט זיין א בעל העגלה".

רבי יוסף האט אפגעזאגט די הצעה.

"מיין חלום איז צו זיין א בעל העגלה". האט ער זיי אפגעזאגט.

זיי האבן נישט געקענט פארשטיין וואס ער מיינט מיט דעם, עס האט זיי אויסגעזען ווי ער רעדט נישט צו די זאך.

"א איד ווי אייך... א בעל העגלה".

אבער נישט אזא חסיד ווי רבי יוסף האט געכאפט התפעלות פון די ווערטער און שוין צומארגענס איז ער ארויס אין די גאס און זיך געוואנדן צו די ארט וואו די בעלי העגלה פלעגן שטיין מיט זייערע וועגענער.

"איר ווילט ערגעץ פארן?". האבן די בעלי העגלה געוואלט וויסן.

"ניין. איך וויל ווערן א בעל העגלה".

זיין פאדערונג האט אויסגערופן ביי זיי וואונדער, מיט אלע כוחות האבן זיי פרובירט אים אפצורעדן פון דעם אבער ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס.

צווישן די בעלי העגלה איז געווען איינער וואס איז געווען גרייט אים אויסצולערנען די פאך, ער האט אים אויסגעלערנט ווי אזוי מען רייט אויף א פערד און ווי אזוי מען קען די וועגן און ווי אזוי מען רישט איין א פערד און א וואגן פאר א נסיעה.

פון יענער טאג האט זיך דאס לעבן פון ר' יוסף געטוישט פון איין זייט צו די אנדערע. ער האט ווייטער געלערנט מיט התמדה ווען ער האט געהאט א פרייע מינוט אבער אסאך שעה'ן אין טאג זענען אוועקגעגאנגען פאר די נייע ארבעט. צווישן איין רייזע און די צווייטע האט ער אריינגעכאפט צו לערנען משניות, אויך ביי די רייזעס האט זיין מויל כסדר געשעפשעט משנה'ס, אבער ער איז מער נישט געזעסן אין שול און געלערנט.

אלע זיינע יארן האט ער זיך דערווייטערט פון רעדן דברים בטלים. נאר וואס ער האט געמוזט רעדן איז ארויס פון זיין מויל, אבער יעצט האט ער געמוזט שטיין אין די גאסן און האנדלן מיט גאסן מענטשן איבער די פרייזן, וויפיל דער איז גרייט צוצאלן און וויפיל דער איז גרייט צוצאלן פאר א רייזע.

איין טאג, זייענדיג אונטערוועגנס מיט א רייזענדער האבן זיי זיך אפגעשטעלט נעכטיגן אין א גאסטהויז. מען האט אפגעמאכט אז צופרי לאזט מען זיך ווידעראמאל ארויס אויף די וועגן.

ביינאכט האט יעדער באקומען זיין צימער. דער איד, א פראסטער איד, האט זיך געלייגט שלאפן. אויך רבי יוסף האט געכאפט א קליינע דרימל, אבער גלייך ביי חצות הלילה איז ער אויפגעשטאנען און אנגעהויבן זאגן תיקון חצות. אומוועלענדיג האט זיך דער איד אויך אויפגעוועקט ביי תיקון חצות און הערנדיג ווי רבי יוסף זאגט תיקון חצות און איז נאך דעם עוסק בתורה אגאנצער נאכט, האט עס אים באריכט די טיפסטע טיפענישן פון זיין נשמה.

די געהויבענע נאכט סדר האט נאכגעפאלגט מיט א לעכטיגער געהויבענער דאווענען.

דער איד האט אלעס צוגעזען און עס האט זיך אין אים דערוועקט זיין נשמה. גלייך צומארגענס ווען רבי יוסף האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג האט דער איד זיך געוואנדן צו רבי יוסף בעטענדיג אז ער זאל אים אויסשטעלן א סדר תשובה, ער זאל קענען צוריקקומען צום בורא כל העולמים.

רבי יוסף האט הערנדיג די בקשה געזאגט פאר דעם איד אז פון דא זאל ער נישט פארן וואו ער האט געוואלט פארן, פון דא זאל ער קומען צו אים צו רבי דובער, דער זון פון דער בעל התניא ווער עס האט איבערגענומען די הייליגע הויף נאכ'ן בעל התניא זי"ע.

מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. נאך א שטיק צייט זענען זיי אנגעקומען צום רבי'ן. א לענגערע צייט איז דער איד געזעסן אין צימער און גערעדט מיט דעם בעל תשובה און אים אויסגעשטעלט א וועג פון תשובה, ווי אזוי ער קען זיך צוריקקערן צום בורא כל העולמים.

נאך די באגעגעניש האט זיך דער צדיק רבי דובער געוואנדן צו רבי יוסף און אים געזאגט: "דו האסט שוין אויסגעפירט דיין תפקיד אלץ בעל העגלה. יעצט קענסטו שוין אפלאזן די פערד און די וואגן און צוריקגיין אריין אין שול".

'החוזרים בתשובה' [לרי"י קלפהולץ] עמ' שמה

## דער 'אמן' איז ווי דער צושטימונג פון דעם ציבור

מיט א שיינער און א טרעפליכער משל איז רבי משה יקר אשכנזי מסביר די מעלה פון 'אמן' און פארוואס זי איז אזוי גרויס אז חכמים זאגן אויף איר אז עס איז גרעסער ווי די ברכה אליין (ברכות נג ב):

משל למה הדבר דומה צו א מענטש וואס וויל איבערצייגן א ציבור איבער א געוויסע זאך. דער איבערצייגער קען האלטן א לאנגע דרשה און צולייגן צו זיין געדאנק שיינע געדאנקען און עס ערקלערן אבער קיין איינס פון די זאכן וועלן נישט זיין אזוי אפעקטיוו, אויב צווישן די צוהערער וועט זיין אזאנע וואס וועלן זיך אנשליסן אין די דרשה און באשטעטיגן זיינע ווערטער און זאגן אז זיי ווייסן אויך די זעלבע און אז ער איז גערעכט.

דער פאקט אז עס איז דא דרויסענדיגע וואס שטימען צו צום געדאנק און זאגן אז זי איז גערעכט געט דער סטעמפל פאר'ן זאך.

די זעלבע געדאנק איז אויך דא ביי אן 'אמן'.

מיט דער 'אמן' וואס מען זאגט געט מען דער צושטימונג צו די זאך.

אויף דעם גאנג קען מען זאגן נאך א דערהער. גענוי אזוי ווי ווען מען שטימט צו צום געדאנק וועט עס ברענגען אז דער פארלייגער פון די זאך זאל ווערן אויסטערליש פרייליך, אז עס איז דא איינער וואס האלט ווי אים איז אויך דא בשמים א גרויסע שמחה ווען מען שטימט צו צום זאך.

עס קען זיין אז וועגן דעם האבן די מסדרי התפלה וועלכע האבן מסדר געווען דער "יהי כבוד" מסמיך געווען דער פסוק פון : "יְהִי כְבוֹד ה' לְעוֹלָם יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו" (תהילים קד לא) צו דער פסוק פון: "יְהִי שֵׁם ה' מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם" (שם קיג ב) ווייל מען לערנט ארויס פון דעם די געדאנק אז ווען ווערט מקויים דער "יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו"? ווען עס איז דא דער "יְהִי שֵׁם ה' מְבֹרָךְ" - אז די צוהערער הערן די ברכה און זענען איר מקיים דורכ'ן ענטפערן אמן נאך איר. ('פתח עינים' [קושטא ש"א] עמ' ז).

### רבי משה יקר אשכנזי

די לעבנסגעשיכטע פון רבי משה יקר אשכנזי דער מחבר פון דער ספר 'פתח עינים' און די חיבור 'מראה לקשט הנשמה' איז פארהוילן. פון וויפיל מען ווייסט יא זעט זיך אויס אז רבי משה איז געווען אן אשכנזישיער איד וועלכע איז אנגעקומען יענע יארן קיין טערקיי און דארט האט ער געדרוקט זיינע ספרים אין יאר ש"א.

עס איז וויכטיג אנצוצייכענען אז דער הייליגער רמ"א אין זיין ספר 'דרכי משה' (או"ח כה ג). ברענגט אים אראפ

## פון 'עניית אמן' צו אנדערע מצוות

אויסער דער ספר 'פתח עינים' האט רבי משה יקר אשכנזי אויך געלאזט דרוקן דברי התעוררות אויף א גרויסער דף. אויף איר איז געשטאנען אויפגעשריבן אז דאס איז א געשטאלט וועלכע איז מקשט די נשמה.

דער וואונדערליכער דף איז געווען געצילט אז זי זאל הענגען אין די שטובער. די מאדנע נאמען וועלכע זי האט געגעבן פאר איר איז געווען צו דערוועקן די מענטש אז ער זאל באשיינען זיין נשמה אויף די וועלט איידער עס קומט אן אויף יענע וועלט.

ביים אויספיר שרייבט ר' משה אז אזוי ווי ווען א מענטשט וויל ווערן רייך אויף די וועלט דארף ער פארדעם מאכן א פלאן ווי אזוי ער גייט ווערן רייך און אויספירן די פלאן שטאפל נאך שטאפל, אזוי אויך זאל זיך פירן דער וואס וויל עולה זיין בהר ה'.

צווישן די ערשטע זאכן וואס דער איד זאל אויספירן איז דער זאגן אמן כהלכה. נאר אז ער וועט זיך פירן אזוי וועט ער קענען אנקומען ווייטער און מאכן פארשריט מיט אנדערע מצוות.

צו די אויספיר האט ער צוגעצייכענט די ווערטער פון שלמה המלך אין משלי (ב ד-ה): 'אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה אָז תָּבִין יִרְאַת ה'"; אז נאר אויב די בקש אויף קניני הרוח וועט זיין ווי די בקשה אויף כסף ומטמונים -אז עס וועט צוגיין מיט התבוננות און מיט א מהלך וועט מען אנקומען צו די סוף און ווי דער פסוק פירט דארט אויס: "אז תבין יראת ה'".

מיט די ווערטער איז רק משה מסיים זיינע ווערטער און פירט אויס מיט א וואונדער אז וועלכע קלוגער מענטש לאזט ארויס אזא גרינגע מצוה פון זיינע הענט".

## יעדן טאג - הונדערט זהובים

**חז"ל זאגן אונז (חולין פז א) אז די שכר פון א ברכה איז צען זהובים. דערויף זאגט דער רבינו תם (תוספות ב"ק צא ב ד"ה וחייבו) אז לויט דער מאמר חז"ל (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך" קומט אויס אז די שכר פון אמן איז לכל הפחות ווי דער מברך. קומט אויס פון דעם אז די שכר פון יעדער אמן איז לכל הפחות צען זהובים**

### טייערער איד! ________________

מיט יעדער אמן וואס דו זאגסט נאך ביי די ברכת השחר קענסטו זיך אנזאמלען טויזנטער דינרים טעגליך. יעצט איז די צייט ארויסצוגיין אויף דיין וועג און זיך אנצושליסן אין די טויזנטער אידן וואס האבן שוין געמאכט די מהפכה און זענען עדות אז זייער לעבן האט זיך געטוישט און אז זיי האבן געזען הונדערטע ישועותץ

שליס זיך אן! קום פרי אין שול אריין און זאג מיט זיי אמנ'ס און זעה אויך ישועות.

**אז דו ווילסט זיך אנשליסן פול אויס אן אפליקאציע אויף דער 'נדרים פלוס' פראגראם און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט דיר אין די קומענדיגע טעג.**

צווישן די וואס שליסן זיך אן וועט געמאכט ווערן א גורל צו קענען רייזן מיט די גאנצע משפחה אויף א מיניוועון צו די מקומות הקדושים.





# שערי ישועה

## די סגולה פון ענית אמן

### די 'אמן' געשריי וועלכע האט מציל געווען פון אן אומגליק

אויף גוטע און שטארקע יסודות איז אונזער שטוב געווען געבויט. צווישן אנדערע האט דער ענטפערן 'אמן' פארנומען אין איר גאר א חשובער ארט.

מיין מאמע פלעגט אייביג דערציילן אז זי האט מקבל געווען די הנהגה פון אירע עלטערן און וועגן זי האט געקענט האט זי אייביג גערעדט פון דעם און געפאדערט פון אונז אז מיר זאלן ענטפערן אמן.

זי פלעגט אונז דערציילן אז עס ליגט אין די ביינער אז צווישן די ערשטע ווערטער וואס איר מאמע האט איר אויסגעלערנט ווען זי האט אנגעהויבן צו רעדן איז געווען דער 'אמן'.

דערביי פלעגט זי אויספירן אז אויך זי פלעגט זיך אזוי פירן און געבעטן פון אירע קינדער אז זיי זאלן זיך אויך אזוי פירן מיט זייערע קינדער.

די געשעעניש האט פאסירט אין א געווענליכן צופרי'. די צופרי' שעה'ן זענען אייביג פול מיט פרעשור און דרוק. יעדער איינער יאגט זיך צוגיין אין זיין וועג און אויך ביי אונז אין שטוב האט געהערשט א שטארקע דרוק.

איך, פון די קלענערע אין שטוב, האט אויך געהאט א שולע וואו איך האב געלערנט טון ווייל מיין מאמע פלעגט אויך ארויסצוגיין צו די ארבעט האט מען געמאכט א סדר אז יעדן טאג נעמט מיר א צווייטער קינד אין שולע.

יענער צופרי' האט מען זיך אויך געגרייט אין שטוב צוגיין אין שולע. דאס קינד וועלכע האט מיר געדארפט נעמען האט זיך טועה געווען מיינענדיג אז היינט דארף איך גיין מיט די עלטערע שוועסטער.

די גרייז האט צוגעפירט אז איך בין ווי כמעט פארגעסן געווארן אין מיין בעט, איך בין געבליבן שלאפן און קיין איינער האט מיר נישט באמערקט.

אויך די מאמע וועלכע האט זיך געאיילט ארויסצוגיין פון שטוב האט מיר נישט באמערקט און ווען די גערודער אין שטוב האט נאכגעלאזט האט זי זיך געגרייט ארויסצוגיין פון שטוב.

ביני לביני האב איך זיך אויפגעוועקט. איך האב נישט געכאפט וואס דא גייט פאר און אז איך בין געבליבן אליין אין שטוב אומבאמערקט, אזוי אז איך בין געבליבן אין בעט ליגן.

מיין מאמע האט זיך שוין געגרייט ארויסצוגיין ווען מיטאמאל האט איר אנגעכאפט א דארשט. זי האט זיך אנגעגאסן א גלאז וואסער און מיט א געלאסנקייט זיך אראפגעזעצט אויפ'ן בענקל און געמאכט בכוונה די ברכה:"ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם שהכל נהיה בדברו".

זי האט שוין געוואלט געבן א זופ ווען זי הערט פון צווייטן צימער ווי א קינד ענטפערט:'אמן...!'

א שרעק איז איר באפאלן. זי האט גלייך דערקענט מיין קול און זיך געכאפט וואס דא איז געשען אז איך בין כמעט פארבליבן אליין אין שטוב.

אין איילעניש איז זי געלאפן צו מיר און מיר ארומגענומען. זי האט מיר אויסגערישט און מיטגענומען מיט זיך.

דער בלויזער מחשבה וואס וואלט ווען איך בלייב אליין אין שטוב. זייענדיג א ווילדער קינד בין איך געווען מסוגל צו טון אסאך ווילדע שטיק אז עס איז נישט געווען א ראטזאמער זאך מיר צו לאזן אליין אין שטוב.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די ווערטער פון דער הייליגער רמ"א (או"ח קכד ז): "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעולם הבא". האט אונז מציל געווען אז מיר זאלן זיך כאפן באצייטנס און אנטדעקן די קינד, נאך איידער עס ווערט צושפעט.

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די ווער פונעם בעל הילולא




די קבר פון רבי אליהו מני אין די אלטע בית החיים פון די שטאט חברון

### רבי אליהו מני

#### ח' בתמוז התרנ"ט

דער צדיק רבי אליהו מני איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי סולימאן אין יאר תקפ"א אין די שטאט באגדאד.

אין זיינע יונגע יארן האט ער זיך געציילט אויף די חשובע לומדים פון די ישיבה 'מדרש אבו מנשה' וועלכער איז געשטאנען אין שפיץ פון זיין רבו מובהק רבי עבדאללה סומך, וועלכע איז יארן שפעטער געווארן זיין שוואגער. נאך די חתונה האט ער זוכה געווען אז דער טאטע פון דער 'בן איש חי' האט אים געבעטן צו לערנען מיט אים בחברותא בעניני קבלה.

אין יאר תרי"ז איז ער ארויף קיין ירושלים, דארט האט ער זיך אנגעשלאסן אין די מקובלים פון די בארימטע ישיבת המקובלים 'בית א-ל'. דער ראש הישיבה פון די ישיבה, רבי רפאל ידידיה אבולעפיה, האט געזאגט אויף אים דער מימרא: "ארי עלה מבבל".

אין יאר תרי"ח איז ער אריבער וואוינען קיין חברון און אין יאר תרכ"ה איז ער נתעטר געווארן מיט די כתר הרבנות אין חברון. מיט די רבנות פאסטן האט ער אנגעהאלטן עד סוף ימיו. אין חברון האט ער געגרינדעדט א בית מדרש לתורה ותפילה מיט'ן נאמען 'בית יעקב', דארטן פלעגט דער סדר התפילה זיין על פי שיטת האר"י הק'.

ער האט זוכה געווען צו דרוקן אסאך ספרים בחייו. זיין ערשטער ספר 'שיח יצחק' וועלכע איז משלב אין זיך פרקי מוסר והלכה האט ער מחבר געווען אין יאר תר"ח און פון דאן האט ער געשריבן און געשריבן אן אויפהער. דורכאויס די יארן האט ער זוכה געווען ארויסצוגעבן הונדערט און פערציג ספרים אין פרדס התורה.

די ספרים זענען געלעגן אין די ישיבת פורת יוסף אין די אלטשטאט ירושלים אבער א גרויס טייל פון זיי זענען נעלם געווארן אין יאר תש"ח ווען אלטשטאט איז אריינגעפאלן אין הענט פון די ירד'נער.

א טיילווייזע ליסטע פון די ספרים וואס זענען יא געדרוקט געווארן פון אים זענען ווי פאלגענד: שו"ת 'מעשה אליהו' ו'תנא דבי אליהו'; 'מכתב מאליהו' - חילופי מכתבים עם תלמידו בעל ה'בן איש חי'; 'זכרונות אליהו' - אסיפת דינים לפי סדר א' ב'; 'מעיל אליהו' - ביאור שער הכוונות; 'מזכיר שלום' - חידושים בתורת האר"י; 'כסא אליהו' - מבוא לחכמת הנסתר.

אין יאר תרנ"ט אין טאג ח' תמוז איז ער נסתלק געווארן און ער ליגט אין די אלטע בית החיים פון די שטאט חברון.

### אויסקוקן אויף אן 'אמן'

אין זיין ספר 'שיח יצחק' (שער האהבה) איז דער מחבר מקדיש א גאנצע פרק איבער די גרויסקייט פון ענטפערן אמן.

מיר ציטירן דא א שטיקל פון וואס עס ווערט אראפגעברענגט דארט:

עס שטייט אין ישעיה (כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים". דער זוהר הק' (וילך רפה ב) שרייבט אויף דעם "אַל תִּקְרִי אֱמוּנִים אֶלָּא אֲמֵנִים". אויפ'ן ארט געט דער זוה"ק צו פארשטיין אז וועגן דעם שטייט: "**שמר** אֲמֵנִים" און עס שטייט נישט "עונה אמנים", ווייל דער ווארט "שמר" איז א לשון פון אויסקוקן און האפן פאר'ן אמן ווי מען טרעפט אין פסוק (בראשית לז א): "וְאָבִיו **שָׁמַר** אֶת הַדָּבָר" אז עס טייטש אז יעקבס אבינו האט געווארט אז דער חלום פון יוסף הצדיק זאל פאסירן און ווי רש"י איז מפרש אויפ'ן ארט.

דאס קומט אונז צולערנען אז ווען א איד הערט א צווייטן איד אנהייבן א ברכה זאל ער אפלאזן אלעס און זיך מער נישט באשעפטיגן מיט אנדערע זאכן נאר זאל שטיין און אויסקוקן ביז ווען ער גייט ענדיגן די ברכה, ער זאל קענען ענטפערן נאך איר אמן.

מען דארף אויך וויסן אז אמן מוז זיין מיט כוונה. דער ווארט 'אמן' איז מלשון 'אמונה'. אזוי ווי אמונה פאדערט כוונה, דארף אויך דער 'אמן' פאדערן כוונה.

דער זוה"ק רעדט אויך ארום איבער ווער עס טוט גרינגשעצן אין אן אמן אז עס קען אים קומען עונשים און וועגן דעם זאל א איד זיין געווארענט צו ענטפערן אמן און ער זאל עס ענטפערן מיט כוונה, אויך ווען א קינד מאכט א ברכה, ווייל אז נישט איז דא אויף דעם עונשים רח"ל.